# הליכות החיים

פסח | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תע"ט

הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א

מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

**גליון זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד העומד לימיננו בכל עת לזכות את הרבים

**מוה"ר צבי יואל בן אלטא גאלדא - וזו' חי' דינה בת פייגא שיחיו**

**לכבוד זמן חירותינו**

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד בעדם, שיזכו לחוג את חג המצות בדיצות

ולזכות בחג כשר ושמח עם כל השפעות טובות בגשמיות ורוחניות וכל טוב סלה

## הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (לה)

### נעמען שבת זאכן צו די עלטערן אויף ביינאכט

**שאלה: אויב מען וועט עסן דעם סדר ביי די עלטערן און מען גייט אריבער אהין שוין נאכמיטאג שבת ערב פסח, צי מעג מען מיטנעמען דארט די הגדה, קיטל, וכדומה, וואס מען וועט דארפן אויף ביינאכט, אדער עס איז אסור צוליב הכנה** (אנגרייטונג) **פון שבת אויף יום טוב?**

**תשובה:** א זאך וואס מען וועט ניצן שבת, איז נישטא דערביי קיין איסור הכנה, און אויך מעג מען לכתחילה ניצן שבת א זאך, אז מען זאל עס מעגן צוליב דעם אהינטראגן. צום ביישפיל, אויב מען וויל אהיננעמען א ספר אריינצוקוקן דערין ביים סדר, מעג מען עס נעמען און אריינקוקן אויך שבת, אז עס זאל הייסן אז מען דארף עס אויף שבת.

אויב עס איז עפעס וואס מען וועט זיכער נישט ניצן שבת, איז דא אן עצה אז מען זאל עס אריינלייגן אין איין זעקל צוזאמען מיט זאכן וואס מען וועט יא ניצן שבת, צ.ב.ש. אריינלייגן דעם קיטל אינעם זעלבן זעקל ווי א ספר אדער א מאכל וואס מען וועט דארט עסן דערפון שבת, און דעמאלט מעג מען עס נעמען.[1]

(זע וויטער וועגן אהיימנעמען דעם מחזור אדער טלית יום טוב נאך דער סעודה.)

### מתיר נדר זיין א חומרא

**שאלה: היי-יאר פלאנען מיר צו עסן פסח ביי אונזער טאכטער, און דארט קען איך זיך נישט פירן מיט מיינע געוועגליכע חומרות. איך האב זיך נישט אויסגענומען מתחלה אויף די חומרות אז עס זאל זיין בלי נדר. צי דארף איך זיך מתיר נדר זיין?**

**תשובה:** אויב מען וועט עסן פון יעצט אן יעדעס יאר דארט, און מען קען מער נישט האלטן די אלע חומרות און מנהגים ווי ביז יעצט, דארף מען זיך מתיר נדר זיין.

אויב מען האפט ווייטער צו עסן אינדערהיים, נאר דעם יאר עסט מען דארט, זענען דא פוסקים וואס האלטן אז מען דארף מען זיך נישט מתיר נדר זיין, און אויב עס איז שווער קען מען זיך פארלאזן אויף די פוסקים.

דאס זעלבע איינער וואס דארף זיין אין שפיטאל אליין אדער מיט א חולה און עס איז שווער זיך מתיר נדר צו זיין, קען מען זיך פארלאזן אויף די פוסקים אז וויבאלד מען וועט ווייטער אנהאלטן די חומרות און מנהגים דארף מען זיך נישט מתיר נדר זיין.[2]

## די מעלה האבן נישט די דאקטוירים

לכבוד מכון הליכות החיים,

עס איז נארוואס געווען ב' ניסן דער יומא דהילולא פון כ"ק דער רבי ז"ל, וויל איך דא דערציילן א קליין מעשה'לע וואס עס איז אויסגעקומען צו הערן די וואך ביים מנחם אבל זיין בבית ש"ב האי גברא יקירא להבחל"ח הרה"ח ר' דוד וואלפין ז"ל. זיינע קינדער האבן דערציילט, אז ווען דער נפטר איז געווען א בחור אין עלטער פון בערך אכצן-ניינצן יאר און איז געווען דער איינציגסטער קינד אין שטוב, האט זיין טאטע אנגעהויבן נישט גוט שפירן ל"ע, און די דאקטוירים האבן געזאגט אז לויט זייערע אפשאצונגען האט ער נאך ניין חדשים צו לעבן.

עס איז לייכט זיך פארצושטעלן די גרויסע זארג און שרעק ווען מען הערט אזא בשורה. מיט א צעבראכן הארץ איז ער געקומען צום רבי'ן זי"ע און דערציילט וואס די דאקטוירים האבן געזאגט. דער רבי ז"ל האט געקוקט אויף אים מיט ווארעמע בליקן און אים אויסגעהערט מיט א רואיגקייט און שמייכל אויפ'ן געזיכט, און דאן האט דער רבי ז"ל זיך אנגערופן צו אים, "די מעלה פון זאגן וויפיל מען וועט לעבן, דאס האבן נישט די דאקטוירים."

דער איד האט אויסגעדריקט א דאגה, אז אפשר זאל מען זיך צואיילן און פרובירן חתונה מאכן דעם זון וואס פריער, כדי ער זאל נאך דערלעבן אים צו פירן אונטער דער חופה. האט דער רבי אים געזאגט: "חתונה מאכן יונג איז אלעמאל גוט."

צו אלעמענ'ס וואונדער, האט ער געלעבט נאך ניין יאר, אנשטאט די ניין חדשים וואס די דאקטוירים האבן אים "געגעבן".

מיר האלטן יעצט ביים יום טוב פסח, וויל איך צוענדיגן מיט א קליינע מעשה וואס כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האט דערציילט:

ווען דעם רבי'נס ז"ל'ס עלטסטער אייניקל, הרה"צ ר' פנחס שלום האגער זצ"ל, איז געווען א קינד, איז ער אריינגעקומען צום רבי'ן ז"ל און געזאגט דעם גאנצן טייטש פון די סימני הסדר, "קדש", "ורחץ", אא"וו. אויף "שולחן עורך" האט

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת מורי ורבי הנעלה הגאון החסיד אשר תיקן אזניים לתורה, והיה שייף עייל ושייף נפיק ולא מחזיק טיבותא לנפשיה

**הרה"ג ר' יצחק בן הרה"ח ר' משה גדלי' ז"ל שפיטצער**

אשר עזב אותנו לאנחות ביום ג' ניסן - יהא זכרו ברוך

הונצח ע"י מוקירו לעד ולנצח

**ידידנו הנדיב מוה"ר משה ראזענוואסער הי"ו**

(עס איז ריכטיג, אז אלעמאל ווען מען וויל זיך איינפירן א געוויסן מנהג אדער חומרא זאל מען זיך קלאר אויסנעמען אז עס איז בלי נדר, און אזוי דארף מען זיך אין קיין פאל נישט מתיר נדר זיין.)[3]

## מתיר נדר זיין שבת נאכמיטאג

**שאלה: אויב מען דערמאנט זיך שבת ערב פסח נאכמיטאג אז מען דארף זיך מתיר נדר זיין אויף א חומרא א.ד.ג. וואס מען קען נישט אנהאלטן, צי קען מען זיך דעמאלט מתיר נדר זיין?**

**תשובה:** מען מעג זיך מתיר נדר זיין אויף א נדר וואס איז נוגע שוין ערב פסח, צ.ב.ש. אויב מען האלט די באשטימטע חומרות און מנהגים אויך ערב פסח, אבער אויף א נדר וואס איז נישט נוגע דעמאלט, צ.ב.ש. מען פירט זיך דערמיט ערשט פון יום טוב, קען מען זיך נישט מתיר נדר זיין ביז ביינאכט. בדיעבד, אויב מ'האט זיך יא מתיר נדר געווען העלפט עס.[4]

### דער אופן פון מתיר נדר זיין

דער אופן ווי מען איז זיך מתיר נדר איז, אז מען בעט דריי מענטשן - עס קען זיין אויך די אייגענע קינדער פון בר מצוה און העכער - זאלן זיך אראפזעצן און מען דארף זאגן נאר פאר איינעם פון זיי אויף וואס מען וויל זיך מתיר נדר זיין און וואס עס איז די סיבה ("פתח חרטה"), צ.ב.ש. אז מען האט נישט געוואוסט מתחלה אז עס וועט זיין אזוי שווער, און די דריי מענטשן זאגן דריי מאל: "מותר לך, מותר לך, מותר לך". מען קען דאס טון סיי בייטאג און סיי ביינאכט.[5]

## בעטן א גוי צו פארקלעבן דעם קאבינעט

**שאלה: אויב מען האט פארגעסן צו פארקלעבן א קאבינעט אין וועלכן עס ליגן חמצ'דיגע זאכן, צי מעג מען בעטן שבת א גוי אפצורייסן שטיקלעך טעיפ און עס פארקלעבן?**

**תשובה:** עס איז מותר אויב מען זאגט אים נישט ווי גרויסע שטיקלעך אפצורייסן.

אזוי אויך מעג מען בעטן דעם גוי ארויפצוקלעבן סטיקערס מיט די ווערטער "מכור לגוי".[6]

## א צעטל וואס איז באהאפטן צו דער בעקיטשע א.ד.ג.

**שאלה: אויב מען טוט אן א נייע בעקיטשע און מען זעט אז עס איז געבליבן דערויף דער צעטל מיט'ן נאמען פון דער פירמע, באהאפטן מיט א סחורה'נע אדער פלאסטיק-שטריקל, צי מעג מען עס אפשניידן אדער אפרייסן שבת אדער יום טוב?**

**תשובה:** מען מעג עס אפרייסן (לכתחילה מיט א שינוי), און אויב עס פעלט אויס, צ.ב.ש. עס איז א סחורה'נע שטריקל, קען מען עס אפשניידן מיט א מעסער.[7]

## אפרייסן א פלאסטיק אדער סטיקער פון זאכן

**שאלה: נייע זאכן וואס זענען ארומגענומען און באהאפטן איינס צום אנדערן מיט א שטיקל פלאסטיק, צי מעג מען אראפנעמען דעם פלאסטיק?**

**תשובה:** מען מעג עס אראפנעמען (ווי ערקלערט אין דער פריערדיגער שאלה).

אויב איז עס באהאפטן מיט א סטיקער, קען מען עס אראפנעמען דורך א קטן, און ווען מען נעמט אראפ דעם סטיקער זאל מען אכטונג געבן נישט אריינצורייסן אין די ווערטער.[8]

## עפענען א נייע העמד

**שאלה: צי מעג מען עפענען שבת אדער יום טוב א נייע העמד וואס ליגט נאך אין**

ער געזאגט: "מ'עסט און מ'טרינקט, און מ'לאזט זיך וואוילגיין". אזוי האט דער מלמד אין חדר געטייטשט. ווען דער רבי ז"ל האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, "יא, גערעכט. אויב 'מ'לאזט זיך' פירן פונעם אויבערשטן, און מ'מוז נישט אלעס פארשטיין, דעמאלט וועט 'וואויל גיין'."

ויה"ר אז מיר זאלן זוכה צו מקבל זיין דעם יום טוב מיט אלע גוטע השפעות.

ידידכם: א. ש. ר.
שיכון סקווירא

## דער כח פון אונזערע תפילות בליל הסדר

לכבוד מכון הליכות החיים,

עס קומט יעצט די הייליגע סדר-נאכט, וואס איז א געהויבענער זמן ווען מען קען זיך אויסבעטן אלע בקשות ברוחניות ובגשמיות. וויל איך דערציילן פאלגנד אן ערשטהאנטיגע מעשה וואס איך האב אליין געהערט פונעם בעל העובדא.

א יונגערמאן האט שוין געהאלטן א פאר יאר נאך דער חתונה און האט נאך ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער. מען איז געגאנגען צו דאקטוירים, און זייערע ווערטער זענען געווען נישט קיין בא'טעמ'טע, בכלל נישט קיין פרייליכע בשורה. דער מצב האט אויסגעזען ביטער.

עס איז געקומען שנת תש"פ, דאס באקאנטע יאר פון מכת "קאוויד", ווען די שווערע "קאראנע"-מגיפה ל"ע האט געבושעוועט, און דער יונגערמאן האט זיך געטראפן אין א מצב וואס ער וועט דארפן פראווען די סדר-נאכט אליין מיט זיין אשת חיל, אזוי ווי נאך פיל יונגע פארפעלקער יענעם יאר, וויבאלד מען האט נישט געקענט גיין צו די עלטערן צוליב דער סכנה פון דער פארשפרייטונג פון דער מחלה.

עס האט א צופ געגעבן אין הארצן, טרעפנדיג זיך אליין אין א שטיל הויז, אן קיין קינדער וואס זאלן פרעגן די פיר קשיות - א צער וואס קיין שום איד זאל נישט דארפן שפירן דעם טעם דערפון. דא האט ער זיך דערמאנט פון א סגולה וואס ער האט געהערט אמאל, צו זאגן ביים סדר-טיש די ווערטער פונעם "אור החיים" הק' אויפ'ן פסוק "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר".

דער אור החיים הק' שטעלט זיך, ווי זיין שטייגער, אויפ'ן ווארט "לאמר". וואס איז דער "לאמר", און פארוואס איז נישט גענוג מיט די ווערטער "והגדת לבנך"? נאר, זאגט דער אור החיים הק', די תורה רעדט דא פון א איד וואס האט ל"ע נישט קיין קינדער, און אויך ער דארף זאגן די הגדה פאר זיך אליין, ווייל יעדער

מדור זה נתנדב

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר זונדל קעניג הי"ו
לכבוד זמן חירותינו

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו שיזכה לקבל החג עם כל
השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות

**דעם פלאסטיק און אזוי אויך ארויסנעמען די נאדלען אדער קליינע שטיקלעך וואס האלטן צוזאמען דאס העמד?**

**תשובה:** עס איז ריכטיג אז מען זאל עס עפענען און ארויסנעמען די נאדלען א.ד.ג. פאר שבת. אויב מ'האט עס נישט געעפנט, קען מען עס עפענען שבת אדער יום טוב. (די נאדלען זענען מוקצה, און דעריבער זאל מען עס עפענען גלייך ביים גארבעדזש און דארט אריינלייגן).[9]

## בייגן א נייעם שוך

**שאלה: צי מעג מען ארומבייגן מיט די הענט נייע שיך וואס זענען נאך אומבאקוועם צו טראגן, אז עס זאל ווערן ווייך?**

**תשובה:** מען זאל עס נישט טון, ווייל עס איז שאלה פון מלאכת "מְעַבֵּד" (אויסארבעטן).[10]

## באהעפטן דעם "באקל" צום פאסיק

**שאלה: צי מעג מען ארויפלייגן שבת אדער יום טוב דעם "באָקל" אויף א נייעם פאסיק צום ערשטן מאל?**

**תשובה:** עס איז אסור צוליב "מכה בפטיש" (צוענדיגן א כלי), אבער אויב עס איז שוין געווען באהאפטן איין מאל און עס האט זיך געעפנט, מעג מען עס צוריקלייגן.[11]

## אויב א קנעפל איז אראפגעפאלן

**שאלה: א קנעפל וואס איז אראפגעפאלן פון דער בעקיטשע א.ד.ג., מעג מען עס אויפהייבן אז עס זאל נישט פארלוירן ווערן, אדער עס איז מוקצה?**

**תשובה:** א קנעפל פון א טיש-בעקיטשע וואס האט א "דיזיין" וואס מען זעט שטארק און דערפאר איז מען מקפיד צוריקצולייגן דאס קנעפל אויף דער זעלבער בעקיטשע און מען וואלט עס נישט געלייגט אויף אן אנדער בעקיטשע, מעג מען מטלטל זיין, אבער א קנעפל פון א גלאטע בעקיטשע וואס מען קען עס צוריקלייגן אויך אויף אן אנדער בעקיטשע, און אזוי אויך א קנעפל פון א רעקל א.ד.ג. וואס אלע רעקלעך האבן די זעלבע קנעפלעך, זאל מען נישט מטלטל זיין.[12]

## אויב מ'האט געמאכט "על נטילת ידים" ביי "ורחץ"

**שאלה: וואס איז די הלכה אויב מען האט געמאכט ביי "ורחץ" ביים סדר א ברכה "על נטילת ידים"?**

**תשובה:** מען זאל עסן ביי "כרפס" א כזית און נישט מאכן קיין נאך-ברכה, און ביי "רחצה" זאל מען אנרירן די שיך כדי צו זיין מחוייב נאכאמאל זיך צו וואשן און מען זאל מאכן נאכאמאל "על נטילת ידים".[13]

## דערציילן סיפור יציאת מצרים ווען מ'עסט ביי די עלטערן

**שאלה: געוועגליך ווען איך פיר דעם סדר ביי מיר אין שטוב, דערצייל איך פאר די קינדער די נסים פון יציאת מצרים. היי-יאר וועלן מיר עסן ביי מיינע עלטערן. צי איז דא אויף מיר אויך דארט א חיוב פון "והגדת**

איד, אפילו ווער עס איז אליין, איז מחוייב צו דערציילן די נסים פון יציאת מצרים. דאס איז טייטש "לאמר" - יעדער איד, אן אויסנאם, דארף זאגן די הגדה.

דער אור החיים הק' פירט אויס, אז עס קען זיין אז די תורה איז דא מרמז: "והגדת" - אז דו וועסט מקיים זיין די מצוה און דערציילן סיפור יציאת מצרים, "לבנך" - וועסטו זוכה זיין צו קינדער און זיי קענען דערציילן די נסים פון יציאת מצרים!

דערציילט דער יונגערמאן, אז ער האט זיך אוועקגעזעצט מקיים זיין די מצוה פון "לאמר", האבנדיג פאר די אויגן די לעבנס-באליכטענדע ווערטער פונעם "אור החיים", און מיט גרויס כוונה און אמונה טהורה אין ישועת ה', האט ער געזאגט די הגדה, און "ונצעק אל ה'", ער האט מתפלל געווען אויף א ישועה.

ביים סוף פונעם סדר האט ער ארויסגענומען דעם אור החיים הק' און געלערנט אינעווייניג דאס שטיקל. "אבא, כך כתוב בתורה?!" דער אור החיים פסק'נט, אז היינטיגע נאכט איז מען מקיים "והגדת לבנך" און מען פועל'ט אויס קינדער. אזוי האט ער געענדיגט די סדר-נאכט מיט אמונה און בטחון כי לה' הישועה.

"וישמע ה' את קולנו"... ניין חדשים שפעטער איז געקומען די פרייליכע בשורה. דאס פארפאלק האט זוכה געווען צו א קינד, אָן דער הילף פון די דאקטוירים. "לעושה גדולות נפלאות לבדו".

*

ווען מיר זעצן זיך צום סדר אין דער הייליגער נאכט, דארפן מיר געדענקען וואס די ספרים הקדושים זאגן וועגן דעם גרויסן עת רצון וואס איז דעמאלט דא אין הימל. יעדער איד האט זיינע באדערפענישן אין וואס ער דארף געהאלפן ווערן, און היינטיגע נאכט איז "פקע איגרא" - ווי די ספרים הק' טייטשן: די הימלען ווערן געשפאלטן. ווען מען איז מתפלל פון טיפן הארצן און מען ניצט אויס דעם מסוגל'דיגן זמן מיט קדושה און דערהויבנקייט, מיט תפילה און בקשה, וועט בעז"ה יעדער זוכה זיין צו ישועות נפלאות, בני חיי מזוני און אלע גוטע השפעות.

ידידכם, אברהם ישעי' סג"ל וואזנער
מו"ץ בשיכון סקווירא

## דאס אחריות פאר א צווייטער איד

עס איז באוואוסט וואס דער מדרש דערציילט, אז ווען א איד האט געארבעט ביטער-שווער אין מצרים און עס איז געקומען סוף טאג און ער האט שוין געהאט געענדיגט זיין מאס ארבעט

**1.** עיין בספרנו שנה ראשונה הל' שבת ויו"ט סי' ד בדיני הכנה משבת ליוט ומיו"ט א' לשני. **2.** כמבואר ביו"ד סי' ריד דדעת הדגמ"ר דאם בדעתו לחזור למנהגו א"צ להתיר נדר ודעת המ"א סי' תקפא להחמיר עין מ"ב שם ס"ק יט. **3.** כמבואר ביו"ד סי' רג ס"ד צריך ליזהר שלא ידור שום דבר אלא יאמר בל"נ. **4.** כמבואר בסי' שמא ס"א דלצורך השבת מותר להתיר נדרים אבל שלא לצורך שבת לא אלא אם הוא לצורך מצוה. ויש לעורר, דאם קיבל עליו לנהוג חומרא או מנהג חדש לשנה זו ונעשה לו סיבה שאין יכול לקיימו דאין יכול להתיר אלא משעה שחל דהיינו אם קיבל עליו על פסח אין מתירין עד פסח ואפי' בדיעבד אינו חל ההתרה מקודם ואם קיבל עליו גם מער"פ יכול להתיר גם מער"פ כמבואר ביו"ד סי' רכח סי"ז. **5.** שם סעי' ט"ז דמתירים נדרים בקרובים ובלילה. **6.** דאם מכוון למדה הוא קורע מה"ת ואין להתיר ע"י גוי אבל אם אין מכוון למדה הוא פסיקת דבר התלוש ויש מחלוקת הפוסקים אם הוא מדרבנן אם מדאורייתא משום תיקון כלי וע"י גוי יש להקל דהוא רק דרבנן והוא שבות דשבות. ואם אפשר טוב יותר לרמז לו שיש לו צורך שהארון יהיה סגור וחתום, ועי"ז יבין לתקן הטעיפ ע"ז. **7.** עיין ספר שנה ראשונה שער ד סי' ח, ויש כמה מורים שמחמירים בזה עיין ספר אורחות שבת פי"א סי"ג י"ד וע"כ נכון לעשות שינוי. **8.** יש מחמירים משום קורע שהיה תפירה לזמן ויש מקילים בזה שכוונת המדבק שיכולין להתירו מיד וע"כ יש לעשות ע"י קטן. **9.** עיין שנה ראשונה הנ"ל ע' קמד הע' ב ובשלחן השבת מלאכת תופר אות יד. **10.** עיין פס"ת לסי' שכז אות ד משום מעבד ועוד משום מתקן. **11.** עיין שו"ת מחזה אליהו דהוא איסור מה"ת ואסור אפי' ע"י גוי. ואם כבר היה שם ועשוי להיות שם ברפוי מותר להחזירו. **12.** עיין ספר קצוה"ש סי' קט הע' ח' ובששכ"ה פט"ו הע' רלד, וראה שלחן השבת דיני מוקצה סי' ה אות ב. ויש ליזהר שלא להוציא החוטין הנשארים בהבגד מהחוטי תפירה. **13.** כ"כ בכה"ח סי' תע"ג ס"ק קז דבכה"ג יאכל כזית שאז יוצא השיטות דחיוב נטילה על דבר שטיבלו במשקה דהוא רק על כזית עיין שעה"צ אות ע. **14.** אם עושה לאביו

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת
מוה"ר **שמואל דוד** ב"ר **צבי פינחס הכהן** ע"ה
מוה"ר **ישכר בער** ב"ר **טובי' גדלי'** ע"ה
**לא השאירו אחריהם זש"ק**
**ונא ללמוד לעילוי נשמתם**

**לבנך" צו דערציילן פאר די קינדער סיפור יציאת מצרים, אדער עס איז געגוג אז דער ראש המשפחה דערציילט? און צי איז א חילוק צי מען עסט ביים טאטן צי ביים שווער?**

**תשובה:** מען קען מאכן דעם טאטן אדער שווער א שליח צו דערציילן סיפור יציאת מצרים.[14]

## עסן נאך אפיקומן

**שאלה: ביז ווען טאר מען נישט עסן נאכ'ן אפיקומן צו בלייבן מיט'ן טעם פון דער מצה אין מויל?**

**תשובה:** מען טאר נישט עסן א גאנצע נאכט.

## טרינקען נאכ'ן אפיקומן

**שאלה: צי מעג מען טרינקען וואסער נאכ'ן אפיקומן?**

**תשובה:** ע"פ הלכה קען מען טרינקען וואסער וויבאלד עס נעמט נישט אוועק דעם טעם פונעם אפיקומן, אבער עס איז ריכטיג אז מען זאל צוואווארטן ביז נאכ'ן בענטשן.

אויב מען דארף טרינקען פאר'ן בענטשן, און מ'האט אינזין געהאט ביים עסן דעם אפיקומן אז מ'וויל נאך טרינקען, זאל מען נישט מאכן קיין ברכה.[15]

## אויפוועקן קינדער צום קריאת שמע און דאווענען

**שאלה: "בין הזמנים" ווען די קינדער זענען אין שטוב, צי דארף מען זיי מחנך זיין אויפצושטיין צו קריאת שמע און זמן תפילה?**

**תשובה:** קינדער פון צוועלף יאר אלט דארף מען מחנך זיין אויפצושטיין לייענען קריאת שמע פאר'ן סוף זמן קריאת שמע און דאווענען פאר'ן סוף זמן תפילה, און אויב זיי שלאפן דארף מען זיי אויפוועקן.[16]

פון יענעם טאג און איז שוין ערלויבט געווען אהיימצוגיין, אבער ווען ער האט געזען ווי אן אנדערער איד איז נאכנישט פארטיג מיט זיין טאג-ארבעט, האט ער נישט געוואלט אוועקגיין נאר ער האט יענעם צוגעהאלפן. ערשט ווען אלע אידן האבן פארענדיגט זייער ארבעט, זענען זיי צוזאמען אהיימגעגאנגען, נישט לאזנדיג קיינעם פאלן אליין אונטער דער שווערער לאסט פון דער עבודת פרך. ווען השי"ת האט געזען ווי שטארק איין איד זארגט פאר'ן צווייטן איד האט ער געזאגט: דאס דאזיגע פאלק איז ווערט צו ווערן אויסגעלייזט!

ווענן דעם ווי ווייט א מענטש דארף טון אלעס אין דער וועלט א טובה צו טון און ארויסהעלפן א צווייטן איד, דערציילט הרה"ג ר' נפתלי גראס שליט"א די פאלגנדע מעשה נורא:

ארום צוואנציג יאר צוריק, איז פארגעקומען א דורכברוך אינעם פעלד פון קאמוניקירן מיט שטארק-אוטיסטישע קינדער וואס מען קען נישט רעדן מיט זיי, דורך א ספעציעלן צוגאנג וואס מען שרייבט זיך מיט זיי, און אויף דעם וועג קען מען זיך מיט זיי פארשטענדיגן.

דערציילט מיר דער בעל העובדא, הרב ר' שלמה ליכטנשטיין שליט"א פונעם בראכפעלד-מודיעין געגנט, אן אייניקל פונעם קאמעניצער ראש ישיבה, דער גרויסער גאון און צדיק רבי ברוך בער ליבאוויץ זצ"ל, אז אין יאר תשס"ח איז ביי אים געבוירן געווארן א קינד מיט א שווערן אוטיזם, וואס מען האט נישט געקענט מיט אים קאמוניקירן. עס איז געווען זייער שווער דאס לעבן מיט אים, און די עלטערן זענען אדורך אסאך עגמת נפש. מיט די יארן האט מען געזען אויף אים אויסער דעם אוטיזם אויך א שטארקע אומרואיגקייט.

ר' שלמה דערציילט: "געווען איז דאס ארום א דריי-פערטל יאר צוריק, ווען איינער האט אונז גע'עצה'ט צו גיין צו א היימישע פרוי אין ארץ ישראל פון א וויזניצער משפחה, וועלכע ספעציאליזירט זיך אין העלפן טרעפן א שפראך מיט אזעלכע קינדער דורך דעם ספעציעלן צוגאנג פון שרייבן. די פרוי איז געווען דער גוטער שליח אונז אויסצולערנען ווי אזוי דאס גייט צו, און מיר האבן אנגעהויבן זיך שרייבן מיט'ן קינד אין זיין שפראך.

"עס איז געווען גאר וואונדערליך צו זען, ווי נאך אזויפיל יאר וואס מיר האבן נישט געהאט קיין שום קאמוניקאציע מיט'ן קינד, האט מען אנגעהויבן זיך גוט פארשטיין. דאס ערשטע מאל וואס דאס קינד האט צוריקגעשריבן, האט ער אונז איבערגעבעטן פאר דעם צער און אומרואיגקייט וואס ער מאכט אונז; ער זעט ווי איך, זיין טאטע, וויין אסאך ווענן אים. ער האט

בס"ד

פינת צדקת צדיקי הדורות

קטע ממכתב לטובת הכולל
מאת כ"ק רבינו הקדוש מצאנז זצוקללה"ה
נשיא כולל חבת ירושלים צדקת רבי מאיר בעל הנס
יומא דהילולא כ"ה ניסן

**והמצוה מוטלת על הרבנים היושבים כסאות למשפט.. להעמיד קופות עבור נשמת רבי מאיר בעל הנס... כי ממש פיקוח נפשות יש בדבר.**
ובזכות זה כל המעשים וכל העוסקים וכל המתנדבים **לא ידעו שום דבר רע, וינצלו מכל מחלה ומכל פגע רע.** ישאו ברכה מאלקי המערכה, ובכל אשר יפנו תחופף עליהם ברכת ה' ונזכה לעלות בהר ה' ולראות בנחמת ציון בב"א.
א"ד המדברים בצדקה וחותמים באהבת ישראל בחודש אדר שני תרל"ה
**הק' חיים הלברשטאם**
אבד"ק צאנז

עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת
על קבר רבי מאיר בעל הנס

עמוד הצדקה
והחסד בארה"ק
צדקת
רבי מאיר
בעל הנס
כולל חבת
ירושלים

מיר ווינטשן אלע תומכים און כלל ישראל א חג כשר ושמח

## מצה מיט מילך, קרים טשיז, אדער פוטער

**שאלה: צי קען מען פסח שמירן פוטער אויף מצה, אדער עס הייסט "געבראקטס"?**

**תשובה:** עס איז אנגענומען אין די פוסקים אז עס הייסט נישט "געבראקטס".[17]

אזוי אויך קען מען שמירן קרים טשיז אויף דער מצה, ווייבאלד עס האט גארנישט קיין וואסער אין זיך.

**שאלה: צי קען מען אריינלייגן שטיקלעך מצה אין מילך פאר קינדער, אדער עס הייסט "געבראקטס"?**

**תשובה:** עס הייסט נישט קיין "געבראקטס", ווייבאלד עס ליגט גארנישט קיין וואסער אין דער מילך (נישט אין "רויטע" און נישט אין "בלויע").[18]

## די ברכה אויף מצה מיט מילך

**שאלה: וואס איז די ברכה ווען מען לייגט אריין קליינע שטיקלעך מצה אין מילך?**

**תשובה:** אויב מען עסט עס באלד, דארף מען מאכן "המוציא" און בענטשן ברכת המזון, אבער אויב מען לאזט עס ווייקן אין דער מילך א לענגערע צייט ביז עס פארלירט אינגאנצן די צורה פון מצה, איז די ברכה "מזונות" און די נאך-ברכה "על המחיה".

## ניצן א קארטאפל-קוועטשער אדער שיילער

**שאלה: צי מעג מען יום טוב צעקוועטשן קארטאפל און שיילן ירקות מיט א קוועטשער און שיילער?**

**תשובה:** יום טוב איז עס מותר, אבער שבת טאר מען נישט.

## אהיימנעמען דעם טלית אדער מחזור

**שאלה: אויב מען עסט ביי די עלטערן שבת אדער יום טוב, מעג מען דערנאך אהיימנעמען דעם טלית, מחזור א.ד.ג. וואס מען וועט מער נישט ניצן אין זעלבן טאג?**

**תשובה:** עס איז מותר (אפילו נישט אין זעלבן זעקל מיט עפעס וואס מען וועט ניצן היינט), ווייל יעדע זאך וואס באלאנגט אין שטוב א.ד.ג. און מען לייגט עס צוריק אויפ'ן פלאץ וואו עס קומט, איז נישטא דערביי קיין איסור פון הכנה[19]. [אין א פלאץ וואו ס'איז נישטא קיין עירוב, זע אין הערה[20].]

## וואשן וועש חול המועד

### וועש פאר קינדער

**שאלה: ביז וועלכן עלטער פון קינדער מעג מען פאר זיי וואשן וועש חול המועד?**

**תשובה:** עס זענען דא ביי דעם דריי גדרים:

⮜

או חמיו שליח מהני' ומ"מ טוב ג"כ אם יכול גם לקיים בעצמו עיין מקדש ישראל סי' תרז. **15.** אין דין זה מבואר בפוסקים, אם אכילת אפיקומן הוה כסילק ידו מאכילה או דכיון דשרי לשתות מים לא הוה כסילק ידו, וע"כ אם היה בדעתו קודם אפיקומן לשתות מסתבר דאין צריך ברכה, ואם לא היה בדעתו יחמיר להמתין עד כוס שלישי ולעת הצורך אפשר דיכול לסמוך לשתות בלא ברכה. **16.** כמבואר בסי' ע' במ"ב סק"ח בשם הב"ח דמי"ב שנים לכו"ע יש חיוב לחנכו ועיין בשועה"ר ס"ב, ובספר אשי ישראל פכ"ב הע' מ"ב בשם הגר"ח קניבסקי שיש לחנכם בכל דיני תפילה וזמניה. **17.** עי' בספר מקדש ישראל בענין פוטער שמבאר באריכות מהפוסקים שאין בזה משום מצה שרויה, וכן שמעתי מהרה"ג ר' יחיאל מיכל שטיינמעטץ שליט"א בעל משיב נבונים ששמע מחותנו הרה"ג ר' זלמן אונגער זצ"ל דומ"ץ שיכון סקווירא שהגה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זצ"ל פסק כן כמה פעמים. ויש נוהגים שאין שורים גם במי פירות לבד, עיין ספר החדש המועד והליכותיו סי' יג בבירור המנהגים בזה. ועיי"ש שחתיכת אבוקדו יבש מותר ליתן על מצה ואין חשש שרויה. **18.** כן שמענו ממומחים. **19.** עי' בספרנו שנה ראשונה שער ד סי' ד. וכמו שכתב בעטרת זקנים סי' תקי"ח 'וכל דבר שהתירו להוציא ביום טוב התירו נמי להחזירו, שהתירו סופן משום תחילתן'. אך הרבה פוסקים מגבילים הדבר, שרק בטרחא גדולה הקילו בזה, או לצורך שמחת יו"ט, או שאם לא יתירו לו להחזירו ימנע מלהביאו לכתחילה והוא לו צורך יו"ט. עי' שו"ת ויברך דוד ח"א סי' ס' אריכות גדול בכל פרטי דין זה. **20.** אין א פלאץ וואו עס איז נישטא קיין עירוב, זאל מען עס לכתחלה נישט אהיימנעמען אויב מען וועט עס נישט ניצן היינט - ווייל אויך יום טוב איז דא אן איסור פון הוצאה אויב ס'איז שלא לצורך כלל - נאר

## נר זכרון

לז"נ הגאון הגדול, אשר שקד על דלתי התורה מתוך ענוה ושפלות שאין לשער, ומסר נפשו להעמיד הדת על תילה

**הרב הגאון רבי יצחק שפיטצער זצ"ל**

**במלאת השבעה לפטירתו הפתאומית לגנזי מרומים לדאבון לב כל בית ישראל ביום ג' ניסן העבר**

**מי יתן לנו תמורתו!** כאשר זכינו אשר לצד מסירותו הנאמנה לשם שמים, לשמש בהוראה, לייסוד ושכלול מקואות, לעירובי חצירות ותחומין ומוהלות לכל אשר בשם ישראל יכונה - שימש כדיין ומורה צדק לעדתינו בפסקי הוראותיו ובדרשותיו הנעימות בכל עת מצוא

בגן עדן תהא מנוחתו וממרום שבתו ימליץ טוב בעד משפחתו החשובה ולכל מוקירי זכרו הבהיר - ת.נ.צ.ב.ה.

החותמים בצער ודמע: **מתפללי ביהמ"ד לב יחזקי' בטשעסטנאט-רידזש**

געשריבן אז אים איז אויך שווער, און די סיבה פון זיין אומרואיגקייט אין די לעצטע צייטן איז צוליב א קרענק וואס ער האט אין די קישקעס, וואס מען באהאנדלט דאס נישט."

אז ער האט געשריבן אזעלכע קלארע דיבורים, האט מען אים גענומען צו א דאקטער, וואס האט אים אונטערזוכט און באשטעטיגט אז ער ליידט אויף א מחלה אין די קישקעס, וואס איז אזוי געפערליך אז די געדערעם זענען ממש פארברענט, און אז מען וואלט דאס געטראפן א קורצע צייט שפעטער, וואלט שוין געווען צו שפעט. דאס קינד איז באהאנדלט געווארן, מתחילה מיט גאר-שווערע רפואות, און יעצט איז ער אויף כסדר'דיגע מעדיצינען.

דערציילט דער טאטע, אז זינט מען שרייבט זיך מיט אים, שרייבט דאס קינד גאר-אינטערעסאנטע זאכן. לעצטנס האט דאס קינד אים געשריבן: "איך וויל דיר אנטפלעקן ווער איך בין געווען אין פריערדיגן גלגול, און פארוואס איך בין דא. אין פריערדיגן גלגול, האב איך געוואוינט אין רוסלאנד און געווען דארט מקושר צו די פריערדיגע צדיקים פון דער ליובאוויטשער גזע." דא האט דאס קינד ארויסגעשריבן דעם נאמען פון דעם פון וועמען ער איז געווען א גלגול; א איד וואס איז געווען מפורסם מיט זיין ערליכקייט און צדקות און פלעגט לערנען מיט אידישע קינדער תורה מיט מסירת נפש (א שטארק-באקאנטער נאמען, וואס די משפחה האט נישט געוואלט מגלה זיין ברבים).

ר' שלמה דערציילט ווייטער: "עס איז געווען שטוינענד צו זען ווי מיין זון שרייבט אזעלכע פאקטן, וואס עס איז נישט מעגליך אז ער זאל דאס האבן געוואוסט פון איינעם. מען רעדט דא פון א קינד וואס קען נישט רעדן זינט ער איז געבוירן געווארן, און ער האט נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט צו לערנען און זיך דערוויסן וועגן די פריערדיגע צדיקים פון איינעם דא אויף דעם עולם.

"איך האב צוריקגעשריבן פאר מיין זון א שאלה: 'אויב ביסטו דער, וואס דו זאגסט אז דו ביסט - רעדט מען דאך פון א איד וואס האט זיך מוסר נפש געווען פאר אידישקייט און איז געווען פון די מזכי הרבים צו לערנען מיט אידישע קינדער תורה. אויב אזוי, פארוואס האסטו געדארפט נאכאמאל אראפקומען אויף דער וועלט?'

"האט מיין זון צוריקגעשריבן: 'אמת, איך פלעג לערנען תורה פאר אנדערע מיט מסירת נפש, אבער איך האב געהאט באשטימטע שעה'ן ווען איך האב געלערנט מיט די תלמידים, און דערנאך האב איך געהאט שעה'ן וואס איך האב געלערנט פאר מיר. איינמאל האט איינער מיר געבעטן צו לערנען מיט זיין קינד, האב איך אים געזאגט,

**א]** פאר גאר-קליינע קינדער פון 2-3 יאר וואס האלטן זיך בכלל נישט ריין, מעג מען וואשן וועש געהעריג.[21]

**ב]** פאר אביסל-עלטערע קינדער (ביז 6 אדער 8-9 יאר, לויט'ן קינד'ס נאטורן), וואס מאכן זיך אלץ שמוציג ביים עסן אדער שפילן אינדרויסן, מעג מען וואשן צו האבן איין קלייד פאר יעדן טאג[22]. (עס איז מער אויסגעהאלטן לכתחילה אויב מעגליך, צו וואשן איין מאל פאר אלע טעג[23].)

**ג]** פאר עלטערע קינדער וואס קענען זיך שוין האלטן ריין און מסודר, טאר מען בכלל נישט וואשן קיין וועש.[24]

## וואשן וועש פון קינדער וואס מ'דארף נישט יום טוב

**שאלה: ווען מען וואשט חול המועד וועש פון קליינע קינדער וואס קענען זיך נישט האלטן ריין אז זיי זאלן האבן וואס אנצוטון, צי מעג מען מיטלייגן אויך וועש וואס מען ווייסט קלאר אז זיי וועלן נישט דארפן יום טוב?**

**תשובה:** מען קען וואשן אלעס וואס עס קען זיין אז מען וועט אפשר ניצן יום טוב, אבער אויב מען ווייסט זיכער אז מען וועט עס נישט ניצן יום טוב טאר מען עס נישט אויסוואשן, אויסער אויב עס קען קאליע ווערן.

## גיין חול המועד איינקויפן אין געשעפטן

**שאלה: א גאנץ יאר בין איך זייער פאריאגט און עס קומט מיר נישט אויס צו פארברענגען אזויפיל מיט דער משפחה. יעצט חול המועד, האב איך מער צייט און די קינדער בעטן אז איך זאל זיי ארויסנעמען און גיין מיט זיי קויפן זאכן אין געשעפטן. צי מעג מען ארויסגיין איינקויפן כדי צו מאכן א הנאה פאר די קינדער?**

**תשובה:** חז"ל האבן גע'אסר'ט "מקח וממכר" (קויפן און פארקויפן) חול המועד, און דערפאר איז מותר צו קויפן נאר וואס מען דארף אויף יום טוב, צ.ב.ש. עסן און געטראנקען א.ד.ג., אבער וואס מען דארף נישט וויכטיג אויף יום טוב, אפילו אויב מען קען עס ניצן אויך יום טוב, טאר מען נישט קויפן. דערפאר טאר מען נישט סתם גיין מיט די קינדער איינקויפן.

## שרייבן חול המועד א טשעק פאר צדקה

**שאלה: מעג מען אויסשרייבן חול המועד א טשעק פאר צדקה?**

**תשובה:** אויב מען קען נישט געבן קעש א.ד.ג. איז עס מותר ווייל עס איז לצורך מצוה.

## ארבעטן חול המועד פאר א גוי

**שאלה: איך ארבעט ביי א גויאישן בעל-הבית און ער פארלאנגט אומבאדינגט אז איך זאל ארבעטן כאטש איין טאג חול המועד. צי איז דא א היתר דערצו אויב איך וועל נישט הנאה האבן פון דעם געלט וואס איך פארדין חול המועד?**

**תשובה:** ארבעטן חול המועד איז א גאר הארבע זאך, און ווי חז"ל זאגן אז מען זעט נישט קיין סימן ברכה פון די פארדינסטן, ד.ה. אז וואס מען פארדינט פון דער ארבעט פארלירט מען ערגעץ אנדערש.

אין א פאל וואס מען האט נישט קיין ברירה, צ.ב.ש. מען וועט האבן א גרויסן שאדן, אדער דער בעל-הבית איז נישט קיין איד, זאל מען דאס דורכרעדן מיט א מורה הוראה.

יעדנפאלס איז ריכטיג, אויב מען איז נישט קיין ארעמאן - ד.ה. מען דארף נישט דאס געלט צו איינקויפן עפעס אויף יום טוב - אז מען זאל נישט נעמען דאס געלט פאר'ן ארבעטן חול המועד.[25]

## רעדן מסחר חול המועד

**שאלה: ווי א לאנגיאריגער ביזנעסמאן, זענען דא אסאך אידן וואס רעדן זיך אדורך מיט מיר אין ענינים פון זייערע געשעפטן. חול המועד האב איך מער צייט דערצו. איז דאס אויסגעהאלטן לכתחילה צו רעדן חול המועד פון מסחר, אדער מען דארף זיך אפהאלטן?**

**תשובה:** שבת און יום טוב טאר מען נישט רעדן פון די וואכעדיגע געשעפטן צוליב'ן איסור פון "ודבר דבר", אבער דער איסור

---

גוט, כ'וועל לערנען מיט אים. אבער יענער האט ערקלערט אז מיט זיין זון וועט עס ארבעטן נאר אין דער צייט וואס איך לערן אליין. האב איך אים אפגעזאגט, טראכטנדיג אז איך דארף דאך צייט אליין אויך.

"'דער סוף איז געווען אז דאס קינד האט נישט געהאט ווער עס זאל לערנען מיט אים און ער איז ליידער אויסגעוואקסן א פארברענטער קאמוניסט; און ווייל איך האב געהאט די ברירה אים צו ראטעווען און כ'האב דאס נישט געטון, האב איך געמוזט נאכאמאל אראפקומען אויף דער וועלט דאס מתקן צו זיין.'

"פאראיארן, תשפ"ד," דערציילט דער טאטע, "האב איך נאכגעפארשט וואו עס איז דער מקום מנוחה פון דעם איד וואס מיין זון האט געזאגט זיין נאמען, וואס ער פלעגט לערנען מיט אנדערע, און איך האב זיך דערוואוסט אז ער ליגט אויפ'ן הר המנוחות אין ירושלים. איך האב באשלאסן אהינצוגיין און זאגן אויף זיין ציון א קאפיטל תהילים. דער הר המנוחות איז דאך גרויס, האב איך געטראכט אז ווען מ'וועט זיין דארט, וועט מען שוין פרובירן עס אויפזוכן.

"למעשה האב איך נישט געדארפט קיין סאך מברר זיין, ווייל איך האב מיטגענומען אהין דאס קינד, און ווי-נאר ער איז אנגעקומען צום הר המנוחות האט ער אנגעהויבן לויפן, ביז ער איז אנגעקומען צו א קבר און זיך דארט ארויפגעווארפן (איך האב א בילד דערפון). ווען איך בין אנגעקומען אהין, האב איך געזען די מצבה מיט'ן נאמען דערויף פון דעם איד צו וועמען איך בין געקומען זאגן א קאפיטל תהילים.

"זינט דער אויבערשטער האט געהאלפן," פירט אויס ר' שלמה, "און מיר האבן געטראפן א מהלך מיט'ן קינד און געזען פון אים אזעלכע וואונדערליכע זאכן, גיבן מיר אים אפ גרויס כבוד און שעצונג, און זאל דאס זיין א חיזוק פאר אנדערע עלטערן וואס האבן קינדער מיט הויכע נשמות.

"כידוע, פלעגט דער גרויסער גאון און צדיק דער 'חזון איש' זי"ע זיך אויפשטעלן פאר די קינדער. מיר דארפן געדענקען, אז מען האט אונז געטרויט מיט א העכערן סארט פקדון, און זאלן זיי האבן א רפואה, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צום עולם התיקון בביאת גואלנו במהרה בימינו אמן."

## השלך על ד' יהבך

לכבוד מכון הליכות החיים,

מיר שטייען יעצט אינעם יום טוב פסח, דער יום טוב פון אמונה, ווי די ספרים הקדושים לערנען אונז אז דאס איז דער יום טוב וואס דער

**גליון המוגדל לרגל זמן חירותנו**

נתנדב לרגל יומי דהילולא של

**כבוד קדושת מרן אדמו"ר בעל אמרי חיים זצוקללה"ה - ט' ניסן**

**וכבוד קדושת מרן אדמו"ר בעל תורת מרדכי זצוקלה"ה - כ"ט אדר**

**זכותם הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

הונצחו ע"י ידידנו הרבני הנדיב הנכבד מגדולי תומכי מכון הליכות החיים בכל עת ועונה במסירות נאמנה בלב ונפש

**הרה"ח ר' אברהם הערש זילבער הי"ו**

**יה"ר שימליצו טוב בעדו ובעד משפחתו שיחיו לזכות לחג כשר ושמח עם כל השפעות טובות בגשמיות ורוחניות וכל טוב סלה**

גייט נישט אן חול המועד און מען מעג רעדן פון געשעפטליכע עניינים. מען זאל אבער נישט נעמען קיין געלט דערפאר, ווייל חול המועד טאר מען נישט ארבעטן אויסער ווען מען דארף דאס געלט אויף יום טוב.

אויב מען בעט נישט, נאר יענער וויל פון זיך אליין מהנה זיין און גיט עס בתורת מתנה, מעג מען נעמען דאס געלט.

## אויב מ'האט דערמאנט פון יו"ט נאר ביי "שמע קולנו"

**שאלה: די מצוה פון "ושמחת בחגך" קומט אפטמאל אן מיט נסיונות, בפרט חול המועד, וואס מען דארף זען צו פארברענגען מיט די קינדער און צופרידנצושטעלן יעדן קינד לפי דרכו. אין אזא צייט לייג איך געווענליך צו א תפילה ביי "שמע קולנו" אז דער גאנצער יום טוב פסח זאל זיין א פרייליכער פאר יעדן איינעם.**

**אין איינעם פון די חול-המועד טעג האב איך זיך געכאפט אז איך האב פארגעסן צו זאגן "יעלה ויבא" ביי שמונה עשרה. צי דארף איך איבערדאווענען וויבאלד מען מוז דערמאנען יום טוב ביי דאווענען, אדער ווייל איך האב ארויסגעזאגט און דערמאנט דעם יום טוב ביי "שמע קולנו" האב איך שוין דערמיט יוצא געווען?**

**תשובה:** מען האט יוצא געווען און מען דארף נישט איבערדאווענען, וויבאלד מען האט דערמאנט דעם יום טוב ערגעץ אין שמונה עשרה ביי "שמע קולנו", כאטש עס איז נאר געווען א נוסח פון א תפילה אויף אידיש.[26]

## עסן מצה און טרינקען וויין

**שאלה: איז דא א חיוב חול המועד זיך צו וואשן און בענטשן און צו טרינקען וויין?**

**תשובה:** עס ווערט געברענגט להלכה אז מען זאל חול המועד זיך וואשן און בענטשן איין מאל ביינאכט און איין מאל אינדערפרי.

אזוי אויך איז ריכטיג אז מ'זאל טרינקען יעדן טאג א "רביעית" וויין, אדער גרעיפ דזשוס פאר איינעם וואס פארנעמט נישט קיין וויין.[27]

## דער שיעור מצה צו קענען בענטשן

**שאלה: וואס איז דער שיעור מצה וואס מען דארף עסן אז מען זאל זיין מחוייב צו בענטשן?**

**תשובה:** אויב מען עסט א כזית איז מען מחוייב צו בענטשן, אבער צו מאכן די ברכה "על נטילת ידים" ביים זיך וואשן דארף מען עסן א "כביצה".

אויב עס פעלט אויס שטארק, צ.ב.ש. מען וואוינט ווייט פון די עלטערן און עס איז א טירחא צוריקצוגיין מארגן פאר'ן דאווענען עס נעמען, אדער עס וועט נישט זיין אפגעהיטן דארט א.ד.ג., וואס דעמאלט קען מען מקיל זיין עס אהיימצונעמען, און אויב מעגליך זאל מען עס לכתחלה נעמען אין זעלבן זעקל מיט עפעס וואס מען וועט יא ניצן היינט. **21.** כמבואר ברמ"א (תקל"ד ס"א). **ויש להוסיף דאף כשמכבס בשביל הקטנים אסור ליתן בתוכו בגדי הגדולים**, ואין בזה היתר של ריבוי בשיעורים כיון דאין איסור הכיבוס משום לתא דמלאכה אלא כדי שלא יכנס למועד מנוול. **22.** עי' במ"ב (שם סק"ז) ובחוט שני עמ' רלז. **23.** כמבואר בשו"ת בא"מ (ח"ז- ל"ב) דאף שברמ"א כתב לכבס כפי הצורך כל יום בפנ"ע, דהיינו אחד בכל יום (עי' לשון תרומת הדשן שהובא בב"י), מ"מ י"ל דטעם הרמ"א הוא כדי למעט בטירחא, ולפי"ז כהיום שיש טירחא גדולה לכבס הרבה פעמים מלכבס הכל בפעם אחד, למעט בטירחא עדיפא, [ואף דבמהרי"ל (חוה"מ -ט') מבאר הטעם שיכבס אחד אחד שהוא כדי לעשות שינוי, מ"מ אפשר דכוונתו ג"כ כדי למעט בטירחא, ובלא"ה כבר כתב בד"מ (אות ג) דלא קיי"ל כדבריו, שהרי מצריך שינוי אף בקטני קטנים] ואף שיש לדון בזה מ"מ כיון שאפשר לצאת מכשולות ע"י ריבוי הכביסה שנעשית בקלות עדיף לכבס הכל בב"א וע"ע באריכות בספר פירות האילן. **24.** משמעות המ"ב (שם), ובאופן שנתלכלך מאד יש מקום להקל, עי' בשמירת המועד כהלכתו (סי' כ"ג) ויש לשאול שאלת חכם. **25.** כמבואר בסי' תקמ"ב דעצם קבלת שכר במועד הוא עובדא דחול ויש בזה פרטים וישאל שאלה. **26.** כמבואר בברכ"י סי' תכב אות ד ובכה"ח שם אות י, ואף שאם אמרו בשאר ברכות לא מהני מ"מ בשומע תפילה שהוא ברכה כללית מהני, וכ"כ בשו"ת מאזני צדק ח"א סי' ח', ועיין בפרשה בהלכה פינחס דאפי' אמר הבקשה בשפת אידיש ג"כ מהני. **27.** מצוה לקבוע סעודה על הפת בחוה"מ שני פעמים, מ"ב סי'

רבוש"ע האט געוויזן אז "אין עוד מלבדו", זיינע כוחות האבן נישט קיין שום באגרעניצונגען, און אויסער אים איז נישטא קיין כח אויף דער וועלט - "והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים".

מען זעט אין אלע ספרים, אז וואס מער א מענטש גיט איבער זיינע דאגות אין די הענט פונעם אויבערשטן, וויסנדיג אז נאר ער איז דער כל-יכול וואס קען אים העלפן מיט אלעם, איז אויסער דעם שלוות הנפש וואס דאס גיט אריין אינעם מענטש, וואס דאס אליין איז א ישועה גדולה, נעמט השי"ת אים איבער, כביכול, אין זיינע הענט.

עס איז דא אויף דעם א מדרש (מדרש שוחר טוב): א מענטש איז אנגעקומען צו גאסט אין א שטאט אין די נאכט-שעה'ן און האט זיך געלייגט שלאפן נעבן פאלאץ פונעם קעניג. די וועכטער פון קעניגליכן הויף, זעענדיג ווי דער פרעמדער קומט צו גיין אן ערלויבעניש נאענט צום קעניגליכן פאלאץ, זענען אים באפאלן און האבן אנגעהויבן אים שלאגן, האט דער מענטש געשריגן, "שלאגט מיך נישט, איך בין פון די הויפסלייט פון קעניג!" האבן זיי אויפגעהערט אים שלאגן, און ווען עס איז געווארן אינדערפרי האט מען אים געברענגט צו פירן צום קעניג.

הערנדיג פון די וועכטער וואס עס האט פאסירט, און אז דער פרעמדער האט געזאגט אז ער איז פון דעם קעניג'ס מענטשן, האט דער קעניג אים געפרעגט, "ווער ביסטו? צי ביסטו מיר באקאנט?" האט ער געענטפערט, "ניין, הויכגעשעצטער קעניג! איך בין דעם קעניג נישט באקאנט." "אויב אזוי," האט דער קעניג געפרעגט, "ווי אזוי האסטו זיך געוואגט צו זאגן אז דו ביסט פון מיינע שטוב-לייט?"

"גנעדיגער קעניג!" האט דער מענטש געזאגט, "ריכטיג, איך בין נישט פונעם קעניג'ס הויפסלייט, נאר איך האב אזוי געזאגט ווייל איך האב זיך דערמיט געוואלט באשיצן, און איך האב זיך פארלאזט אויפ'ן קעניג'ס חסד אז עס וועט מיר קיין בייז נישט פאסירן."

האט דער קעניג געזאגט: "וויבאלד ער האט זיך פארלאזט אויף מיר, זאל מען אים לאזן פריי."

אט דאס האט דוד המלך געזאגט: "אלקים בך בטחתי אל אבושה" - רבוש"ע! איך האב זיך פארלאזט אויף דיר, און דערפאר "אל יעלצו אויבי לי", זאלן מיינע שונאים פיינט מיר נישט קענען קיין שלעכטס טון.

*

אין דער הגדה של פסח פון רבי דוד הנגיד ז"ל, דער זון פון רבי אברהם בן הרמב"ם, ברענגט ער אז בשעת יוכבד, די מוטער פון משה רבינו, האט אים אריינגעלייגט מיט'ן קאסטן אין וואסער,

מדור זה נתנדב
ע"י ידידנו הנדיב הנכבד
מו"ה ר' נחום שערמאן הי"ו
לרגל השמחה במעונו בנישואי **נכדתו הכלה החשובה תחי'**
עב"ג החתן היקר כמר **דוד אייזענבערגער** ני"ו
למז"ט בשעטומ"צ
זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות

(דער שיעור פון א כזית איז בערך א פערטל מצה, און א "כביצה" איז א האלבע מצה - לויט'ן שיעור פון די גרויסע מצה-בעקערייען.)[28]

## עפעס נעמען פון א שטוב אדער קעבינעט וואס איז פארקויפט

**שאלה: אויב מען דארף עפעס אינמיטן פסח פון א שטוב וואס מען האט פארקויפט פאר א גוי, צי מעג מען אריינגיין עס נעמען?**

**תשובה:** אויב מען דארף עפעס וויכטיג מעג מען עס ארויסנעמען, אבער מען זאל נישט האלטן אין איין נעמען זאכן פון דארט.[29]

## אויב מ'טרעפט חמץ אינמיטן פסח

**שאלה: אויב איינער טרעפט חמץ אין שטוב חוה"מ פסח, וואס זאל מען טון?**

**תשובה:** מען קען עס אריינווארפן אין בית הכסא. אויב עס איז א גרעסערע זאך קען מען עס לייגן צווישן די זאכן וואס זענען פארקויפט פאר'ן גוי אויב עס איז זיכער אז די קינדער קענען נישט צוקומען דערצו.

אויב מען טרעפט עס אינמיטן יום טוב (ד.ה. נישט חול המועד), זאל מען עס מטלטל זיין "כלאחר יד", צ.ב.ש. צווישן די צוויי פינגער, אדער קען מען עס איבערדעקן מיט א כלי.[30]

## אויב מ'האט געטראפן חמץ צווישן נישט-געשיילטע עסן

**שאלה: פאראיארן אינמיטן פסח האב איך געטראפן א שטיקל ברויט רח"ל אינעם קעסטל פון די נישט-געשיילטע קארטאפל (מעגליך אז די ריינינגס-פרוי האט עס דארט אראפגעלייגט!). צי איז דא א חשש אין אזא פאל אויף אלע געקאכטע קארטאפל און אנדערע עסן וואס מען האט געקאכט דערמיט?**

האט זי אים געזאגט, "קינד מיינס! איך באהאלט דיך אלס פקדון אין די הענט פון דעם וואס לייקנט נישט אין די פקדונ'ס וואס מען גיט אים איבער".

*

אז מען גיט זיך איבער אין די הענט פונעם אויבערשטן, איז מען זוכה צו זען ישועות אויך אויב מען האט נישט די זכותים דערצו. דער "חפץ חיים" פלעגט זאגן, אז מען זעט אין דער תורה, אז ווען די מלאכים זענען געקומען צו לוט, און די אנשי סדום האבן געבעטן אז ער זאל זיי ארויסגעבן די מלאכים, האט לוט זיך אנטזאגט און האט אפעלירט צו זיי, "רק לאנשים האל אל תעשו דבר כי על כן באו בצל קורתי".

לוט, וואס האט אויסגעקליבן צו וואוינען אין דער געזעלשאפט פון די אנשי סדום, די אנשי רֶשע, האט זיך איינגעשטעלט דאס לעבן צו באשיצן די מלאכים. ער איז געווען גרייט ארויסצוגעבן זיינע אייגענע קינדער, אבי מען זאל נישט טשעפען זיינע געסט. פארוואס? "ווייל זיי זענען געקומען אין שאטן פון מיין באלקן". אז זיי זענען געקומען צו מיר, איז דאס א זעלבסטפארשטענדליכע זאך אז מען קוקט נישט אויף גארנישט, נאר מען דארף נעמען אויף זיי דאס פולע אחריות. אט-די פשוט'ע לאגיק האט אויך לוט פארשטאנען.

און אוודאי און אוודאי - זאגט דער הייליגער חפץ חיים - ווער עס פארלאזט זיך אינגאנצן אויפ'ן אויבערשטן, איז כאטש ער האט נישט קיין שום זכות און איז נישט ווערט אז זיין וואונטש זאל ערפילט ווערן, מוז מען אים ענטפערן זיינע תפלות און בקשות.

*

דער באקאנטער איש החינוך הרה"ח ר' אלעזר יונה זילבערמאן שליט"א, אין א דרשה איבער דעם ענין, דערציילט ווי פאלגנד:

"איך האב שייכות מיט א יונגערמאן, וואס מיט א פאר יאר צוריק איז ער אריבער א גאר-שווערע תקופה אין זיין ביזנעס.

"עס האט זיך גערעדט פון א געפאר אז ער זאל דערלייגן ריזיגע געלטער, און דערצו האט זיך עס געהאנדלט פון שווער-פארוויקלטע לעגאלע פראבלעמען, וואס אז מען פאלט דארט אריין, איז ח"ו אין רחמים בדין. דער יונגערמאן האט מיר געזאגט, אז ער האט געדארפט אויסגעבן ריזיגע געלטער צו דינגען טייערע אדוואקאטן, אבער אויך זיי האבן אים נישט פארזיכערט קיין ערפאלג, נאר געזוכט מיט וואס מען קען עס פארגרינגערן."

"דערציילט מיר דער יונגערמאן: איך בין אדורך גאר-שווערע צייטן. עס איז פארבייגעגאנגען איין



**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מו"ה ר' **ישראל מענדל ווייס** הי"ו
לרגל השמחה במעונו בנישואי בנו הבחור החתן
כמר **זלמן אליהו** נ"ו עב"ג **הכלה החשובה** תחי'
בת ידידנו מוה"ר **משה ריכטער** הי"ו
זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם
לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות
ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

**תשובה:** וויבאלד מען האט עס אפגעשיילט און אפגעוואשן, איז בדיעבד נישטא קיין חשש.

## אויב מ'האט געמאכט "שהחיינו" אחרון של פסח

**שאלה: א פרוי וואס האט פארגעסן און געמאכט "שהחיינו" אחרון של פסח ביינאכט, צי הייסט דאס א הפסק צווישן דער ברכה פון "להדליק נר של יום טוב" און ליכט-צינדן?**

**תשובה:** כאטש מען דארף נישט מאכן "שהחיינו", הייסט עס בדיעבד נישט קיין הפסק.

אזוי אויך אויב איינער האט זיך טועה געווען און געזאגט "שהחיינו" ביי קידוש, הייסט עס נישט קיין הפסק צווישן דער ברכה פון "הגפן" און טרינקען.

## אויב מ'האט בטעות געזאגט "המבדיל בין קודש לחול"

**שאלה: אין אזא יאר ווען די נאכט צו אחרון של פסח פאלט אויס מוצאי שבת, וואס איז די הלכה אויב מען האט בטעות צוגעענדיגט די ברכה פון הבדלה וואס מען זאגט ביי קידוש "המבדיל בין קודש לחול" אנשטאט "בין קודש לקודש"?**

**תשובה:** אויב מען האט זיך דערמאנט "תוך כדי דיבור" (ד.ה. ווילאנג עס נעמט צו זאגן די ווערטער "שלום עליך רבי"), זאל מען באלד זאגן "המבדיל בין קודש לקודש". אויב האט מען זיך דערמאנט נאכדעם, זאל מען מאכן נאכאמאל די ברכה פון הבדלה אויפ'ן כוס.

## אויב מען האט פארגעסן צו מאכן הבדלה

**שאלה: וואס איז די הלכה אויב מען כאפט זיך אינמיטן דער סעודה אחרון של פסח ביינאכט, אז מען האט פארגעסן צו זאגן ברכת "המבדיל" אדער "בורא מאורי האש" ביי קידוש?**

**תשובה:** מען זאל באלד אויפהערן עסן און מאכן די ברכה פון הבדלה. "בורא מאורי האש" קען מען לכתחילה צוווארטן צו זאגן א גאנצע נאכט ביזן עלות השחר.

אזוי אויך אויב מען כאפט זיך יום טוב צופרי אז מען האט פארגעסן ביינאכט צו מאכן הבדלה, טאר מען גארנישט עסן פאר מען מאכט הבדלה.

מען קען מאכן הבדלה א גאנצן טאג ווען מען דערמאנט זיך, ביז "בין השמשות", און מען זאל גארנישט עסן פאר מען מאכט הבדלה. אויב מען כאפט זיך ווען עס איז שוין מוצאי יום טוב, קען מען יוצא זיין מיט הבדלה פון מוצאי יום טוב, כאטש מען זאגט "המבדיל בין קודש לחול".[31]

# הלכות ספירת העומר

### ציילן "ספירת העומר"

**א]** די צווייטע נאכט פסח הייבט מען אן ציילן ספירת העומר.

### ציילן ספירה שטייענדיג

**ב]** מען דארף ציילן ספירה שטייענדיג, ווי מען לערנט ארויס פון "מהחל חרמש בקמה" (דברים טז, ט), וואס מען דרש'נט "בקומה" - שטייענדיג. אזוי אויך דארף מען מאכן די ברכה שטייענדיג, אזוי ווי ביי אלע ברכות המצוות. בדיעבד, אויב מען האט געציילט אדער געמאכט די ברכה זיצנדיג, האט מען יוצא געווען.

### ציילן אויף אנדערע שפראכן

**ג]** מען מעג ציילן ספירה אויף יעדער שפראך וואס מען פארשטייט, אבער אויב

חודש און נאך א חודש, און די זאך איז נישט געווארן בעסער. פארקערט, וואס מער מען האט געטון דערין, האט עס אויסגעזען מער קאמפליצירט. במשך פון דער גאנצער צייט בין איך געווען זייער צערודערט. פארשטייט זיך, אז איך האב נישט געהאט דעם קאפ צום לערנען און דאוונען, און אויך אין שטוב האט דאס געהאט אן אפרוף. איך בין נישט געווען קיין געהעריגער מאן אינדערהיים און קיין טאטע פאר מיינע קינדער.

"איין טאג, נאך א יאר צייט וואס די זאך האט זיך אזוי געצויגן, האב איך געפילט אז געענדיגט, מער קען איך דאס נישט איבערטראגן. איך האב אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאגט, 'רבוש"ע! עס איז נישט פאר מיינע כוחות. איך בין נישט קיין מענטש מער, און סיי-ווי נישט ליגט עס נישט אין מיינע הענט צו מאכן עפעס בעסער דא. נישט אז עס איז דא א פראבלעם וואס קען זיך אויסלאזן ביטער, נאר עס איז שוין יעצט ביטער. איך לעב דאך נישט; איך קען נישט טון די פליכטן וואס א איד דארף טון פאר'ן אויבערשטן, און וואס א טאטע און א מאן דארף צושטעלן אינדערהיים. עד כאן. איך הער אויף טראגן דאס פעקל אויף זיך און כ'גיב עס אינגאנצן איבער פאר דיר. הייליגער טאטע! טו ווי עס איז דיין הייליגער ווילן, און איך וועל אננעמען אלעס וואס דו האסט נאר באשטימט פאר מיר.'

"נו, וויל דאך יעדער הערן, אז דעם אנדערן טאג איז געשען דער נס, און אלעס האט זיך געשטעלט אין ארדענונג. אבער ניין, דאס איז נישט געווען דער באלדיגער מציאות. דאך האב איך שוין געהאט א גרויסע ישועה, ווייל כאטש די פרשה האט זיך נישט געענדערט, בין איך אבער, ברוך ה', געענדערט געווארן. איך האב אויפגעהערט אינוועסטירן אזויפיל געלט פאר לאיערס און געצאלט נאר דעם מינימום. איך האב אנגעהויבן צוריק לערנען און דאוונען. מיין פרוי און קינדער האבן פלוצלינג געטראפן צוריק א מאן און טאטן וואס איז דא פאר זיי.

"דער פראצעס האט זיך געצויגן נאך א פאר חדשים - ביז צו דעם גליקליכן טאג, ווען איך האב ערהאלטן א מודעה אין די פאסט אז די פרשה איז געענדיגט. איך דארף נישט צאלן קיין שום געלט, און איך האב מער נישט קיין לעגאלע פראבלעמען."

פירט אויס ר' אלעזר יונה: "דער יונגערמאן האט מיר דערציילט די מעשה און צוגעלייגט ווערטער, וואס קיינער קען דאס נישט זאגן אויף א צווייטן וואס גייט אדורך אזוינס: 'עס האט זיך מיר געלוינט די אלע פלאגן און שוועריגקייטן די גאנצע צייט, אלעס כדי צוצוקומען צו אט-דעם הרגש און טיפן קשר וואס איך האב געפילט צום רבוש"ע, אנקומענדיג צו דער הכרה, אז: טראג

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האשה החשובה

מרת **אסתר** בת ר' **נחמן** ע"ה **צימענד**

יארצייט ביום י"ג ניסן

תנצב"ה

הונצחה ע"י

**בניה החשובים שיחיו**

מען פארשטייט נישט די שפראך האט מען נישט יוצא געווען אפילו ווען מען ציילט אויף לשון הקודש, ווייל דאס הייסט נישט געציילט, כאטש ביי אלע אנדערע ברכות איז מען יוצא אויף לשון הקודש.

### פרויען זענען פטור פון ציילן

**ד]** פרויען זענען פטור פון ציילן ספירה, וויבאלד עס איז א מצוה וואס איז געבונדן צו א צייט, און אויך האבן די פרויען נישט מקבל געווען אויף זיך די מצוה פון ספירה העומר. אויב א פרוי ציילט יא, זענען דא וואס זאגן אז זי זאל נישט מאכן קיין ברכה, ווייל פרויען וועלן זיך אוודאי טועה זיין מיט איין טאג.[32]

### מחנך זיין קינדער צו ציילן מיט א ברכה

**ה]** מען דארף מחנך זיין די קליינע אינגלעך צו ציילן מיט א ברכה, כאטש זיי וועלן אוודאי פארגעסן צו ציילן איין מאל. אויב דאס קינד האט שוין פארגעסן איין טאג צו ציילן, זאל ער ציילן די אנדערע טעג אָן א ברכה.

### וויסן דעם טאג ביים מאכן די ברכה

**ו]** פאר'ן מאכן די ברכה, דארף מען לכתחלה וויסן וועלכן טאג מען ציילט, כדי מען זאל וויסן אויף וואס מען מאכט די ברכה. בדיעבד, אז מען האט אינזין געהאט ביים מאכן די ברכה אז מען וועט ציילן אזוי ווי מען הערט פון א צווייטן, האט מען יוצא געווען די ברכה, און אזוי אויך אויב מען האט געמיינט בשעת'ן מאכן די ברכה אז מען ציילט אן אנדערן טאג, האט מען יוצא געווען.

### אויב מען האט פארגעסן צו ציילן

**ז]** אויב מען האט נישט געציילט ספירה ביים אנהייב נאכט, קען מען נאך ציילן א גאנצע נאכט. אויב מען האט נישט געציילט ביז נאכ'ן עלות השחר, זאל מען יענעם טאג ציילן אָן א ברכה, און די אנדערע טעג קען מען נאך ציילן מיט א ברכה.

**ח]** עס זענען דא וואס זאגן אז יעדן טאג פון ספירה איז א מצוה צו ציילן פאר זיך, און עס איז נישט געבונדן מיט'ן אנדערן טאג, און דערפאר אויב מען האט פארפעלט איין טאג קען מען נאך ציילן די איבעריגע טעג, אבער אנדערע האלטן אז עס דארפן זיין גאנצע זיבן וואכן, ווי אין פסוק שטייט (ויקרא כג, טו) "שבע שבתות תמימות תהיינה", און אז מען האט פארפעלט איין טאג איז עס מער נישט קיין גאנצע זיבן וואכן און דערפאר קען ער מער נישט ציילן. דערפאר זאל מען ציילן אָן ברכה, ווייל "ספק ברכות להקל".

### אויב מען האט א ספק

**ט]** אויב איינער האט א ספק צי ער האט געציילט איין טאג ספירה, מעג ער נאך ציילן די אנדערע טעג מיט א ברכה, ווייל עס איז א דאפלטער ספק: עס קען זיין אז ער האט אינגאנצן נישט פארפעלט צו ציילן, און אפילו אויב ער האט יא פארגעסן, קען זיין אז די הלכה איז אז די זיבן וואכן דארפן נישט זיין קיין גאנצע, און אויב אזוי קען ער נאך מאכן א ברכה. אזוי אויך אויב איינער האט געציילט ספירה, און ער האט געהאט עפעס א ספק אינעם ציילן, וואס די הלכה איז אז ער דארף ציילן נאכאמאל אָן א א ברכה, אבער ער האט נישט געציילט

תק"ל סק"א ובשעה"צ אות ו, וכמבואר בסי' תקכט ס"ב חייב אדם להיות שמח וטוב לב במועד הוא ואשתו ובניו והוא מ"ע מה"ת דכתיב ושמחת בחגיך. ודעת רע"א דאין חיוב שמחה על האשה אלא על הבעל יש חוב לשמחה, עיין בביה"ל שם ד"ה כיצד משמחן ובמשנ"ב דרשו שם הע' 33 שי"א שצריך רביעית ויש מקילין שאי"צ רביעית שכל כמות יין משמחו. **28.** כמבואר בספר שיעורי תורה להרה"ג ר' גדלי' גרינוואלד שליט"א מראשי הכוללים בשיכון סקווירא. **29.** ושיש חשש שמא יכשל באכילת חמץ ועיין שו"ת תשובות והנהגות ח"א. **30.** בשו"ת שה"ל ח"ט סי' שח דלפי הנהוג למכור הכל להגוי אף מה שלא נרשם בשטר המכירה אינו צריך לשרפו ויעשה מחיצה, ואם הוא בחוה"מ יכול גם להכניסו לרשות הגוי, ועיין שו"ת תשובות והנהגות ח"ב סי' רכט מש"כ בזה שמותר לשרפו שהגוי אינו מקפיד עיי"ש. **31.** כמבואר בסי' רצט מ"ב ס"ק טז, דלא כהבדלה של מוצאי שבת שיכול להבדיל עד סוף יום ג', ובמוצאי יו"ט יכול להבדיל רק כל יום שלאחריו. ואם אין לו עכשיו על מה להבדיל, נראה דיכול לשתות מים או טיי כיון דמדינא מותר לשתות מים קודם הבדלה. **32.** מ"ב ג' ובשו"ת אבני נזר סי' ש"ד דבזוה"ק פר' תצוה איתא דנשים פטורות ע"פ סוד. **33.** ועי' שו"ת מנח"י ח"ט סי' נ"ז ובפס"ת אות כ"ו, אם יכול לספר שאר הימים בברכה. **34.** שועה"ר סכ"ב. **35.** כמבואר, דכיון שספר כדין יצא, וכדי דיבור מהני רק לתיקון ולא לקלקול. **36.** מ"ב ל"ט, ועיין ביה"ל ד"ה יספור.

נישט אליין דאס פעקל, נאר גיב עס איבער פאר'ן אויבערשטן, און ער וועט שוין אלעס מסדר זיין לויט וואס עס איז באמת גוט פאר דיר.

טייטשט דער "תפארת שלמה": "טוב לחסות בה'" - עס איז גוט זיך צו באשיצן אין אויבערשטן, און ווי אזוי קומט מען אן צו דער אנערקענונג? "מבטוח באדם" - פון דעם וואס מען פארזיכערט זיך אין א מענטש און מען ערווארט פון אים גוטס, און עס קומט קיינמאל נישט אן, דעמאלט זעט מען איין אז עס איז גוט צו האבן בטחון און זיך פארלאזן בלויז אויפ'ן אויבערשטן, וואס ער איז דער גוטער באשעפער און נאר ער ברענגט פאר'ן מענטש דאס גוטס.

## כי אתה שומע תפלת כל פה

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,

איך וויל דערציילן דא א מעשה וואס ווייזט דעם באדייט פון "כי אתה שומע תפלת כל פה", ווי דער רבוש"ע געפינט זיך מיט אונז אין יעדן מצב, "בכל צרתם לו צר", ווי די הייליגע ספרים טייטשן: "ברוך גוזר" - השי"ת מאכט די גזירה, אבער "ומקיים" - ער גיט די כוחות און דעם חיזוק זיך צו האלטן שטארק אין די שווערע צייטן.

פאסירט האט די מעשה ווען איך בין געווען א חתן בשטומ"צ. די כלה איז געווען א יתומה פון להבחל"ח איר פאטער, וועלכער איז נפטר געווארן יונגערהייט ל"ע. ווי מיר ווייסן, קומען די עלטערן אראפ פון אויבן זיך מיטפרייען מיט די שמחות פון זייערע קינדער. אין איינעם פון די טעג פאר דער חתונה איז איר אריינגעקומען א מחשבה, אז זי וואלט זיך שטארק געפריידט ווען זי וואלט באקומען עפעס א רמז פון הימל אז איר טאטע האלט מיט די שמחה, זארגט און איז מתפלל פאר איר דארט אויבן.

די תפלה וואס זי האט געבעטן אין הארצן איז געבליבן א שטילער סוד וואס זי האט קיינעם נישט דערציילט. אביסל שפעטער יענעם טאג, ווען זי איז אנגעקומען אינדערהיים, האט זי געטראפן ביי דער טיר א זעקל, אין וועלכן עס איז געלעגן א בריוו פון איינע פון אירע לערערינס אין די יונגערע קלאסן פון שולע. די לערערין שרייבט איר דארט אזוי:

"אזוי ווי דו האלטסט יעצט פאר דיין חתונה, וויל איך דיר דערמאנען א מעשה וואס איז געשען אסאך יארן צוריק, ווען דו האסט געלערנט ביי מיר אין קלאס. געווען איז דאס איינמאל ווען דיין מאמע האט געבוירן א קינד, און דו ביסט דעמאלט איינגעשטאנען ביי איינעם אין שטוב. אין איינעם פון די טעג איז אויסגעקומען דיין געבורטסטאג, און מיטאמאל האב איך געזען ווי דו זיצסט אין קלאס מיט פארטערטע אויגן.

**מדור זה נתנדב**
על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **שמעון אונגאר** הי"ו
לכבוד זמן חירותינו
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד בעדו שיזכה לקבל החג עם כל
השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות

נאכאמאל, קען ער נאך ציילן די אנדערע טעג מיט א ברכה.

**י]** אויב איינער כאפט זיך אז ער האט דעם פריערדיגן טאג געהאט א טעות און געציילט אן אנדערן טאג ווי מען האט געדארפט, הייסט דאס ווי ער האט בכלל נישט געציילט, און ער קען מער נישט ציילן די אנדערע טעג מיט א ברכה .

### אויב מ'דערמאנט זיך סוף טאג

**יא]** אויב מען דערמאנט ביים זמן "בין השמשות דרבינו תם" אז מען האט נישט געציילט יענעם טאג ספירה, זאל מען ציילן אָן א ברכה.[33]

### אויב מ'האט געציילט אן אנדערן טאג

**יב]** אויב איינער האט זיך טועה געווען און געציילט אן אנדערן טאג ווי מען דארף, דארף ער איבערציילן דעם ריכטיגן טאג און זאגן "היום וכו'", אבער אויב ער האט זיך דערמאנט "תוך כדי דיבור", דארף ער נישט זאגן "היום", נאר זאגן דעם ריכטיגן טאג לעומר.[34]

**יג]** אויב מען האט זיך נישט באלד געכאפט און מען האט מפסיק געווען מיט אנדערע זאכן, דארף מען מאכן נאכאמאל א ברכה, וויבאלד מען האט נישט געציילט ריכטיג און עס איז ווי מען האט אינגאנצן נישט געציילט, און מען זאל זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

**יד]** אויב מ'האט געציילט דעם ריכטיגן טאג, און באלד דערנאך תוך כדי דיבור האט מען געזאגט דעם נישט-ריכטיגן טאג, האט מען יוצא געווען.[35]

### אויב מ'האט זיך טועה געווען מיט די וואכן אדער טעג

**טו]** אויב איינער האט זיך טועה געווען נאר מיט די וואכן, נישט מיט די טעג, אדער נאר מיט די טעג און נישט מיט די וואכן, דארף מען ציילן נאכאמאל אָן א ברכה. בדיעבד, אויב מען האט נישט געציילט נאכאמאל, קען ער נאך ציילן די אנדערע טעג מיט א ברכה.[36]

**טז]** אין יעדן פאל וואס מען האט א ספק און מען דארף ציילן אָן א ברכה, איז גוט אז מען זאל יוצא זיין די ברכה פון א צווייטן, אז מען זאל נישט שאדן האבן די ברכה.

## הלכות פון 'מוריד הטל' און 'ותן ברכה'

### דער ערשטער טאג פון זאגן "מוריד הטל"

**יז]** מען הייבט אן זאגן "מוריד הטל" ביי שמונה עשרה פון מוסף דעם ערשטן טאג פסח. אויב איינער האט בטעות געזאגט "מוריד הגשם" דארף ער איבערדאווענען, אפילו אין ערשטן טאג יום טוב. עס זענען דא וואס זאגן אז אויב מען האט געזאגט "מוריד הגשם" דעם ערשטן טאג ביי מוסף דארף מען נישט איבערדאווענען, ווייל עס

◄




איך האב דיר געפרעגט וואס עס האט פאסירט, האסטו געזאגט אז היינט איז דיין געבורטסטאג און קיינער ווייסט נישט דערפון, און דו האסט נישט קיין נאש צו טיילן פאר די מיידלעך אין סקול.

"אזוי ווי דו האסט דאס מיר געזאגט, איז פארגעקומען אן אינטערעסאנטע זאך. מיטאמאל איז דיין טאטע ע"ה אנגעקומען און האט אריינגעקלאפט אין קלאס. ער האט דיך ארויסגערופן און דערציילט אז ער האט נישט פארגעסן אז עס איז היינט דיין געבורטסטאג, און ער האט דיר געברענגט גוטע זאכן צו טיילן פאר דיינע חבר'טעס אין קלאס. איך געדענק נאך די שמחה אין דיינע אויגן, ווען האסט געזען ווי דיין טאטע האט דיך אנגענעם איבערראשט און ער האלט מיט דיין שמחה!

"און וויסן זאלסטו," האט די לערערין אויסגעפירט אין דעם בריוו, "אז אויך יעצט, ווען דו גייסט אי"ה חתונה האבן, קומט דיין טאטע אראפ פון הימל מיטהאלטן דיין גרויסע שמחה, און אפילו אויב דו זעסט אים נישט, זעט ער אבער דיך, און ער ברענגט דיר געוויס גוטע געשאנקען לכבוד יום חתונתך ושמחת לבך."

מען קען זיך גארנישט פארשטעלן די פרייד וואס זי האט געהאט, זעענדיג ווי איר וואונטש איז פארווירקליכט געווארן און זי האט באקומען אן אנדייטונג, אז איר טאטע קוקט אראפ פון הימל און פריידט זיך מיט מיט איר שמחה.

די מעשה לערנט אונז אויך א מוסר השכל, אז ווען מען נעמט זיך די מי צו זאגן פאר איינעם א גוט ווארט, שרייבן א פאר שורות פון חיזוק פאר א צווייטן, האט מען אליין נישט קיין השגה וואס מען טוט אויף דערמיט, און וואספארא כח עס קען האבן צו דערפרייען יענעמ'ס הארץ און אריינגיסן אין יענעם פרישע לעבנס-טראפנס וואס באלייכטן און בויען וועלטן.

מיר דארפן וויסן אז מיר לעבן אין זכות פון אונזערע אבות, און זיי, די עלטערן אין הימל, לעבן דארט ווייטער. זיי גייען ארויף אלץ העכער אין די הויכע עולמות ווען מיר גייען אין זייערע וועגן און פירן זיך ווי עס איז געווען זייער רצון, און זיי בעטן פאר אונז און ברענגען אונז פון דארט אלע גוטע השפעות.

*

**צו מיטטיילן ערשט-האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים ביטע פארבינדט זיך צום הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכן פעקס 845-517-1692 אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

**הפצת הגליון נתנדב**

לז"נ האי גברא יקירא שייף עייל שייף נפיק, אשר גם בעת מלאכתו לא הסיח דעתו מלהגות בתורה

**הרה"ח ר' חיים ב"ר ברוך אברהם ז"ל לאפפלער**

**נלב"ע א' דפסח תש"פ, תנצב"ה**

**זכינו שלא החסיר מלעיין וללמוד בכל גליון מתחילתו ועד סופו, והעיר הארותיו המחכימות בעין יפה**

הונצח ע"י בנו ידידינו הנדיב המפואר מתומכי המכון בכל עת ועונה

**מוה"ר יצחק לאפפלער הי"ו**

זענען דא וואס פירן זיך אזוי לכתחלה צו זאגן "מוריד הגשם" ביז נאך חזרת הש"ץ פון מוסף.

### אויב מ'האט זיך דערמאנט אינמיטן דער ברכה

**יח]** אויב מען האט זיך דערמאנט אינמיטן דער ברכה אז מען האט געזאגט "מוריד הגשם", זאל מען צוריק אנהייבן פון "אתה גבור", אפילו אויב מען האט זיך דערמאנט "תוך כדי דיבור". (אנדערע זענען מחמיר אז אויב מען האט נישט אנגעהויבן נאכאמאל די ברכה, האט מען אפילו בדיעבד נישט יוצא געווען).

### אויב מען האט שוין געענדיגט די ברכה

**יט]** אויב מען האט זיך דערמאנט נאכ'ן ענדיגן די ברכה פון "מחי' המתים", זאל מען צוריק אנהייבן פון אנהייב שמונה עשרה, און עס העלפט נישט אז מען הייבט אן פון "אתה גבור", ווייל די ערשטע דריי ברכות פון שמונה עשרה זענען אזוי ווי איין ברכה.

**כ]** אויב מען האט זיך דערמאנט נאך "ברוך אתה ה'" פון "מחי' המתים", זענען דא וואס זאגן אז מען זאל זאגן "למדני חוקיך" און אנהייבן פון "אתה גבור", אבער אנדערע האלטן אז וויבאלד מען האט געזאגט דעם שם, איז עס אזוי ווי מען האט שוין געענדיגט די ברכה און מען זאל צוענדיגן "מחי' המתים" און אנהייבן נאכאמאל שמונה עשרה.

### אויב מען האט נישט געזאגט "הגשם"

**כא]** אויב מען האט געזאגט "משיב הרוח ומוריד" און מען האט זיך תיכף געכאפט, זאל מען צוענדיגן און זאגן "הטל".

### "ותן ברכה"

**כב]** חול המועד הייבט מען אן "ותן ברכה" ביי "ברך עלינו". אויב מען האט פארגעסן און מען האט געזאגט "ותן טל ומטר", און מען דערמאנט זיך ווען מען האלט נאך אינמיטן שמונה עשרה פאר מען האט געזאגט דעם צווייטן "יהיו לרצון" פון "אלקי נצור", זאל מען צוריק אנהייבן פון "ברך עלינו". און אפילו אויב מען האט זיך דערמאנט אינמיטן א ברכה, זאל מען זיך אפשטעלן און צוריקגיין צו "ברך עלינו".

**כג]** אויב מען האט שוין געזאגט דעם צווייטן "יהיו לרצון", אפילו מען האט נאכנישט אויסגעטרעטן, דארף מען צוריק אנהייבן פון אנהייב שמונה עשרה.

### אויב מען האט א ספק

**כד]** אויב איינער האט א ספק צי ער האט געזאגט "מוריד הטל" אדער "ותן ברכה" ביז דרייסיג טעג נאכדעם וואס מען הייבט אן זאגן, דארף ער איבערדאווענען, ווייל מען נעמט אן אז ער האט געזאגט אזוי ווי זיין געוואוינהייט, אבער פון דרייסיג טעג און ווייטער דארף מען נישט איבערדאווענען, ווייל מען איז שוין געוואוינט צו זאגן ווי מען דארף (כאטש עס זענען נישטא קיין ניינציג תפילות אין וועלכע מען זאגט "ותן ברכה").

**כה]** אויב מען ווייסט קלאר אז מען האט געוואלט זאגן "מוריד הטל" אדער "ותן ברכה", און נאך א שטיק צייט איז מען געווארן מסופק צי מען האט עס געזאגט, דארף מען נישט איבערדאווענען, אבער אויב מען איז געווארן מסופק באלד נאכ'ן דאווענען שמונה עשרה דארף מען יא איבערדאווענען.

### אן עצה נישט צו דארפן איבערדאווענען

**כו]** אויב איינער האט געזאגט ניינציג מאל "רב להושיע מוריד הטל", אדער "ואת כל מיני תבואתה לטובה ותן ברכה", דארף ער נישט איבערדאווענען אפילו אויב ער האט א ספק אין די ערשטע דרייסיג טעג. עס זענען דא וואס זאגן אז מען דארף עס זאגן הונדערט און איין מאל, אבער בדיעבד אויב מען האט געזאגט נאר ניינציג מאל דארף מען נישט איבערדאווענען.

### אויב מען דערמאנט זיך ביים זמן פון דער קומענדיגער תפלה

**כז]** אויב מען האט נישט געזאגט ריכטיג און מען דערמאנט זיך ווען עס איז שוין דער זמן פון דער קומענדיגער תפלה, זאל מען דאווענען צוויי מאל שמונה עשרה, וואס די צווייטע שמונה עשרה איז משלים צו זיין די תפלה וואס מען האט נישט געזאגט ריכטיג.

**כח]** אויב מען האט פארגעסן צו זאגן "ותן ברכה" ביי מנחה פון ערב שבת אדער יום טוב און מען דערמאנט זיך ווען עס איז שוין נאכט, זאל מען נישט דאווענען צוויי מאל שמונה עשרה.

### א שליח ציבור וואס האט זיך טועה געווען

**כט]** א שליח ציבור וואס כאפט זיך אז ער האט געזאגט "טל ומטר" ביי דער שטילער שמונה עשרה, דארף ער נישט איבערדאווענען צוליב "טירחא דציבורא", נאר ער קען זיך פארלאזן אויף זיין חזרת הש"ץ (און תיכף נאך חזרת הש"ץ זאל ער זאגן "יהיו לרצון" און אויסטרעטן).

**ל]** א שליח ציבור וואס כאפט זיך נאך שמונה עשרה פון מעריב אז ער האט נישט געזאגט ריכטיג, קען ער ערשט זאגן "קדיש תתקבל" און דערנאך איבערדאווענען.

### אויב מען הערט ווי א צווייטער מאכט א טעות

**לא]** אויב איינער האלט אינמיטן שמונה עשרה און הערט ווי א צווייטער זאגט "ותן טל ומטר", זאל ער אים מרמז זיין אויב מעגליך, און אויב נישט זאל ער אים מודיע זיין נאכ'ן ענדיגן שמונה עשרה.

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת

הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170